# פרשת במדבר

## שיחת י"ט תשרי, אור ליום ד' דחוהמ"ס, ה'תשמ"א

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

זעלבספארשטענדליך, אז לכל לראש דארף מען פארשטארקן דעם נשק רוחני וואס דאס איז דער אמת'ער באשיצער פון א אידן וואו ער געפינט זיך, און דער אמת'ער באשיצער פון ארץ ישראל – דער לאנד וואס האט אלעמאל געהערט צו אידן, און געהערט איצטער אידן, און וועט געהערן צום אידן תמיד לעולם ארץ ישראל לגבולותיה אין אלע אירע גבולות,

וואס דער אמת'ער נשק איז ווי דער אויבערשטער האט געזאגט אין קלארע ווערטער אין תורתנו תורת חיים (און תורת) און תורת אמת, (אז אם) אז "בחוקותי תלכו": ס'א זיכערע זאך אז סוף כל סוף וועט איר גיין אין מיינע געזעצן; "ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם": איר וועט היטן די מצוות און מקיים זיין די מצוות.

און דער אויבערשטער בעט זיך: "אם בחקותי תלכו", ווי חז"ל טייטשן אפ: "אין אם אלא לשון תחנונים", דער אויבערשטער בעט זיך ביי יעדער אידן אז ניט קוקנדיק וואס איז געווען זיין הנהגה ביז אט-דער רגע, אז על כל פנים זיי ממלא איצטער דעם אויבערשטנ'ס תחנונים און גיי "בחקותי" און היט אפ - "מצוותי תשמרו ועשיתם אותם",

און דאס איז דער איינציקער וועג אז פון "נתתי גשמיכם בעתם" "ונתתי שלום בארץ, ושכבתם ואין מחריד" דערפאר וואס "תפול עליהם אימתה ופחד" וויבאלד אז זיי זעהן "כי שם ה' נקרא עליך" פועל'ט דאס דער "ויראו ממך" (אז מ'וויל) אז מ'הויבט זיך גאר ניט אן לכתחילה טשעפן מיט אידן, אדרבה: מ'העלפט ארויס אידן, ווי דערמאנט פריער אז אפילו מלאכים איז אומניך ושרותיהם מניקותיך,

נאך זייענדיק אין גלות, ווען די "מלכים" זיינען אויך, דינא דמלכותא דינא, אויף די אידן וואס געפינען זיך אין זייערע מדינות, און אזוי אויך אויף אידן וואס געפינען זיך אין א"י, איז דאך ענינים וואס זיינען ניט פארבונדן מיט קדושת הארץ, ענינים וואס זיינען ניט פארבונדן מיט ענינים פון אידישקייט בכלל – וויל דער אויבערשטער אז מ'זאל בעטן און באקומען נשק פון אומות העולם, און זיכער ניט אויף אפגעבן זיי נשק, באקומען געלט פון אוה"ע,

און איז מבטיח אז ושכבתם ואין מחריד, אז מ'וועט זיך ניט דארפן שרעקן צי מארגן אינדערפרי וועט מען מודיע זיין אז מ'וועט מקיים זיין די הבטחה אז מ'וועט געבן דעם נשק און געבן די געלט, און באשיצן מיט אלע ענינים –

ווארום ס'איז א זיכערע זאך אז דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט, אַז איר קענט רואיק שלאָפן "ואין מחריד", וואָרום קיינער וועט אייך ניט דערשרעקן, דערפאַר וואָס "גדול הרועה ששומר את הכבשה" פון די "שבעים זאבים", וואס דאס גייט אויף זמן הגלות,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת במדבר

עד"ז אויך "ונתתי שלום בארץ, ושכבתם ואין מחריד, וחרב לא תעבור בארצכם", ווי רש"י טייטשט אָפּ "אפילו חרב של שלום", אפילו די אנשי צבא וואָס זיי זיינען של שלום, און זיי קומען צוגיין פון "יו-ען" מערניט ווי באַשיצן און אָפּהיטן וכו׳ – האָט דאָס אויך קיין שייכות ניט צו ארץ הקודש !

וואָרום אפילו "חרב של שלום" איז אויך "לא תעבור", וואָרום דאָס איז "ארצכם" – דאָס איז אייער לאַנד, אונזער לאַנד, ביז עד סוף כל הדורות.

נאָר דער וועג דערצו איז – דער "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם". וואס דאס איז כולל אין זיך אויף טאן בדרך הטבע, בעטן נשק באופן של כבוד אן קיינע וויתורים אויף ענינים פון אידישקייט, עאכו"כ ניט קיינע וויתורים ח"ו אויף ענינים פון פקוח נפשות,

וואס דאס איז דאך פון די גרעסטע מצוות התורה, אן ענין פון פקוח נפש פון איין אידן, עאכו"כ פון א גאנצע צאל, און א גרויסע צאל, כן ירבו, פון א סאך אידן,

סיי זיי געפינען זיך אין ארה"ק בזמן שביהמ"ק הי׳ קיים, סיי זיי געפינען זיך אין ארה"ק אין דעם זמן וואס גלינו מארצינו, אז א"י געפינט זיך אין גלות, אין גלות בא פחד פאר גוי׳אישקייט און בא פחד פאר גוים !

און סיי ביי אידן וואס זיי לעבן אין "חוץ לארץ" כפשוטו, ווי די גמ׳ ברענגט דעםביישפיל פון נהרדעא. וואס דאס איז געווען א שטאט וואו אידן האבן געגלעבט אין בבל, עד"ז בכל דור ודור וואו אידן לעבן און טוען התלוי בהם אויף דורכפירן ענינים פון אידישקייט.

ויה"ר דערמיט זאל זיך ענדיקן, ומכאן ולהבא זאל זיין מערניט וי גזירות טובות ישועות ונחמות,

וואס אין דערויף, כאמור, איז דאס פארבונדן מיט בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו,

וואס איינע פון די חוקים איז, אז ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס מ׳געפינט זיך אין גלות, איז אז עס קומט זמן שמחתנו, ועד"ז אז עס קומט א גליקליכע געלעגנהייט, אז ער קען מקיים זיין דעם אויבערשטנ׳ס א מצוה, ווי דערמאנט פריער – שטייט ער מיט א שמחה גדולה ביותר,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.